ד.ה. א פשוט שבפשוטים ווייסט אז בשעת ער איז עולה לתורה דארף ער מאכן א ברכה לפני' ולאחרי', אע"פ וואס ביחד עם זה ווייסט ער אז לא ידע מאי קאמר, און ער זעט אז דערנאך ווען ס'איז עולה איינער פון "ראשיכם שבטיכם", ביז אפילו דער ראש פון אלע ראשיכם – מאכט יענער די זעלבע ברכה!

איז דערפון פארשטאנדיק אז די הוראה פון פרשת שקלים דארף זיין מובנת לכל, סיי צו א גדול שבגדולים, סיי צו א פשוט שבשפוטים.

ובפרט אז אט דער ענין – די אויסגלייכונג פון א גדול שבגדולים מיט א פשוט שבפשוטים – איז מודגש בגלוי אין דעם ענין פון פרשת שקלים גופא: "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט", ד.ה. ניט נאר אן עשיר ודל כפשוטו, נאר אויך אין עני אלא בדעת ואין עשיר אלא בדעת[20] – איז בענין פרשת שקלים זיינען שניהם שוים, "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט".

ז. איינער פון די לימודים פון פרשת שקלים:

אויפן פסוק[21] "זה יתנו..מחצית השקל" זאגן רז"ל[22] אז בשעת משה האט געהערט פון דעם אויבערשטן "ונתנו איש כופר נפשו" איז נתקשה אצלו "והרתיע לאחוריו", פרעגנדיק "מי יותן ליתן כופר נפשו, עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו[23] ועדיין אינו מגיע". און אלס ענטפער אויף דעם "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו".

דארף מען פארשטיין:

משה רבינו איז געווען תכלית שלימות השכל, ער איז געווען "הנבחר מכל מין האדם"[24] – הייסט וואס איז ביי אים געווען די קשיא בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט "ונתנו איש כופר נפשו":

אפילו א מגיד, און ניט דוקא א מגיד גדול, נאר סתם א מגיד – וואס שכלו איז שלא בערך נידעריקער ווי שכלו של משה רבינו – פארשטייט און קען מסביר זיין בפשטות דעם ענין: ס'איז מובן בפשטות אז יעדער מצוה של הקב"ה קען אויפטאן למעלה מעלה. און היות אז דער אויבערשטער זאגט דא אן אידן א מצוה צו געבן א מחצית השקל, הייסט וואס איז דער פלא אז דאס זאל ווערן "כופר

---

20) ראה נדרים מא, א. זח"ג רעג, ב. 21) תשא ל, יג. 22) תנחומא נשא יא. במדב"ר פי"ב, ג. ירושלמי פ"א ה"ד. תנחומא תשא ס. תוד"ה זאת – חולין מב, א. ועוד. – הובא בפרש"י עה"פ. 23) איוב ב, ד. 24) פיה"מ להרמב"ם – פרק חלק היסוד השביעי.

הנחת הת' בלתי מוגה

נפשו לה'". און ווי מ'זעט אז פאר יעדער מצוה באקומט מען שכר, וכמ"ש "אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו גו' ונתתי גשמיכם בעתם"[25] – איז וואס איז דא דער פלא מער ווי בא אנדערע מצות אז דער אויבערשטער וועט אפצאלן דעם שכר פארן מקיים זיין דעם ציווי דערמיט וואס דאס ווערט "כופר נפשו".

ובפרט אז די מצוה פון נתינת מחצית השקל איז דאך מצות הצדקה – וואס דורך דעם איז "החיית נפש העני" – צאלט אפ דער אויבערשטער מדה כנגד מדה[26] אז דער מחצית השקל ווערט "כופר נפשו לה'", מיט די אלע ביאורים שבזה.

ואפילו אן איש פשוט פארשטייט בפשטות אז פאר א מצוה קומט שכר. ואדרבה: ביי א גדול ווערט א שאלה צי ס'איז עבודה על מנת לקבל פרס אדער שלא על מנת לקבל פרס; אבער ביי אן איש פשוט לייגט זיך בפשטות, אז ער איז מקיים א מצוה און דער אויבערשטער צאלט אים זיכער אפ דערפאר שכר.

היינט וואס איז געווען דער פלא וקושיא בא משה רבינו – תכלית שלימות השכל – בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט "ונתנו איש כופר נפשו לה'".

וכאמור, דאס איז א שאלה וואס ווערט אפילו ביי אן איש פשוט בשעת מ'דערציילט אים דעם מדרש [דאע"פ וואס ער מצ"ע האט דערווייל נאך ניט געלערנט דעם מדרש, איז דאס ניט מצד העדר ההבנה, ווייל דאס האט קיין שייכות ניט צו הבנתו, נאר מצד העדר הידיעה, ער ווייסט דערפון ניט, אבער בשעת מ'דערציילט אים וועגן דעם, פארשטייט ער, און ער פרעגט גלייך]: אפילו ער פארשטייט אז פאר א מצוה באקומט מען שכר – איז וואס איז געווען דער פלא וקושיא בא משה.

אויך דארף מען פארשטיין: בכדי צו פארענטפערן תמיהת משה, פארוואס האט אים דער אויבערשטער געוויזן דוקא א "מטבע של אש", און ניט קיין מטבע של כסף, וואס אידן דארפן געבן בפועל.

ממה-נפשך: אויב דער תירוץ צו משה איז פארבונדן מיט כחו של הקב"ה (וואס דוקא דער אויבערשטער באווייזט אים א מטבע כו'), און דער אויבערשטער קען אלץ טאן – איז פארוואס האט ער אים באוויזן דוקא א "מטבע של אש", און ניט קיין מטבע של כסף ווי אידן דארפן בפועל געבן. אלא וואס-דען וועט מען זאגן אז בעולמו של הקב"ה זיינען אלע ענינים של אש, דערפאר איז דאס געווען א מטבע של אש – איז פארוואס דארפן דאס רז"ל מדגיש זיין

---

25) בחוקותי כו, ג-ד. 26) ראה סוטה ח, ב במשנה. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ביי מחצית השקל (ס'איז מובן מעצמו, ווייל אלע ענינים בעולמו של הקב"ה זיינען של אש). ווי מ'זעט טאקע אז בנוגע צו כללות המשכן וואס דער אויבערשטער האט אויך באוויזן משה רבינו (ניט בלויז די אדנים וועלכע זיינען געמאכט געווארן פון די מחצית השקל[27]) שטייט נאר[28] "והקמות את המשכן כמשפטו אשר הראית בהר", און מ'איז ניט מדגיש בפירוש אז דאס איז געווען של אש?

נאך א דבר פלא: קיינער שטעלט זיך ניט אויף דעם! מ'פרעגט שאלות, און אנדערע ווילן דוקא שפאלטן א האר, אדער אפילו פארשטיין א זאך בפשטות, אדער מער פאר בפשטות - אבער אויף דעם מדרש איז אין פוצה פה ומצפצף!

ח. וועט מען עס פארשטיין בהקדים דעם קשר דערפון מיט פרשתנו, פ' משפטים:

ס'איז ידוע אז מצוות טיילן זיך אויף דריי סוגים - חוקים עדות ומשפטים:

חוקים זיינען די מצוות וועלכע האבן ניט קיין תוכן והסברה ע"פ שכל. וואס דערפאר זיינען אוה"ע מונין ישראל אויף די מצוות[29]. ובזה גופא זיינען פאראן חוקים וואס האבן ניט קיין הסברה אין שכל, און חוקים וואס זיינען גאר היפך השכל. און די מצוות דארף מען מקיים זיין מצד דעם וואס "חוקה חקקתי גזירה גזרתי ואין לך רשות להרהר אחרי'"[30].

עדות זיינען מצוות וועלכע האבן ניט מצ"ע קיין תוכן בשכל, און ס'איז ניט שייך זאגן אז מ'וואלט זיי מקיים געווען אפילו אילו לא נצטווינו. אבער לאחרי ווי דער אויבערשטער האט זיי אנגעזאגט האבן זיי א תפיסא אין שכל, ווי זיינען מצוות וועלכע זיינען אן עדות וזכרון אויף עפעס וואס איז געווען בעבר. ד.ה. זיי האבן ניט קיין תוכן מצ"ע, נאר זיי ווייזן אויף אן אנדער זאך וואס האט יע א תוכן.

משפטים זיינען מצוות וועלכע זיינען מצ"ע מובן בשכל, און אפילו אילו לא נצטווינו וואלט מען זיי מקיים געווען ע"פ שכל אנושי. זיי האבן אן ארט אפילו אין שכל פון גוים.

אע"פ וואס מצוות טיילן זיך בכללות אויף די דריי סוגים, ווערן אבער אלע מצוות אנגערופן מיט אלע דריי נעמען ("חוקים",

---

27) ראה פקודי לח, כז. פרש"י ר"פ תרומה. ממגילה כט, ב. 28) תרומה כו, ל. 29) ראה פרש"י ר"פ חוקת. תולדות כו, ה. אחרי יח, ד. ובכ"מ. 30) פרש"י ר"פ חוקת. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

"עדות", "משפטים"). איז דערפון פארשטאנדיק אז אלע מצוות האבן אין זיך אלע דריי ענינים פון חוקים, עדות, און משפטים.

והענין:

ס'איז ידוע דברי בעל ההילולא[31] אז אלע מצוות, אויך עדות ומשפטים, דארף מען מקיים זיין אזוי ווי חוקים – ניט ווייל אזוי לייגט זיך ביי אים אין שכל, נאר דערפאר וואס דער אויבערשטער האט זיי אנגעזאגט. דער יסוד פון אלע מצוות, אויך מצוות ע"פ טעם ודעת איז – ציווי הקב"ה. און אילו נצטווינו לחטוב עצים וואלט מען אויך דאס געטאן[32].

עד"ז דארף מען אויך מקיים זיין אלע מצוות (אויך חוקים ומשפטים) באופן של "עדות" – אז יעדער מצוה איז אן "עדות" וסימן אויף דער צוותא וחיבור צווישן אידן מיטן אויבערשטן וואס ווערט דורך קיום המצוה, אע"פ וואס מצ"ע זיינען זיי שלא בערך זה לזה.

עד"ז דארף מען אויך מקיים זיין אלע מצוות (אויך חוקים ועדות) באופן של משפטים – ע"פ שכל וטעם ודעת. דאע"פ וואס בנוגע צו חוקים ווייסט ער ניט פארוואס ער איז דאס מקיים, איז אבער לאחרי שנצטווה ע"י הקב"ה – איז ער דאס מקיים ע"פ הסברה בשכל, ווייל דאס איז פאר אים דער גרעסטער פארדינסט און גערסטער פארגעניגן צו מקיים זיין א ציווי של הקב"ה און דורך דעם ווערן איין זאך מיטן אויבערשטן!

ווי עס פארשטייט אן איש פשוט בפשטות: ער איז דאך א מאמין בן מאמין[33], במילא גלויבט ער אין מציאות השם [בלשון הרמב"ם: "לידע אשר שיש שם מצוי ראשון". ער ווייסט ניט די פרטים שבזה, אבער ער גלויבט די מציאות]. און ער פארשטייט אז דער אויבערשטער איז שלא בערך צו אים. ובמילא, בשעת דער אויבערשטער זאגט אים אן א ציווי, אפילו אויב דאס איז א חוקה [לדוגמא דער ציווי בפרשתנו פון "לא תבשל גדי בחלב אמו"[34], וואס איז אויך כולל (כפרש"י[35]) אכילת בשר בחלב, וואס איז א חוקה[36]], איז ער דאס מקיים ע"פ שכל והסברה, ווייל דאס איז פאר אים דער גרעסטער פארדינט און פארגעניגן צו מקיים זיין א ציווי און דורך דעם ווערן פארבונדן מיטן אויבערשטן אליין.

ועפ"ז ווערט נאך שטארקער די שאלה הנ"ל אויף תמיהת משה

31) סה"מ תרפ"ו ע' ג. ה'ש"ת ע' 91. ובכ"מ. 32) לקו"ת שלח מ, א. ובכ"מ. 33) ראה שבת צז, א. 34) משפטים כג, יט. ועוד. 35) עה"פ. 36) ראה לקו"ש חט"ז ע' 242. וש"נ.



SichosKodesh.com

רבינו ווען ער האט געהערט דעם ציווי "ונתנו איש כופר נפשו" – וואס איז דער פלא אז דורך דעם וואס אידן זיינען מקיים א מצוה של הקב"ה, מחצית השקל (אפילו אויב דאס איז א חוקה שלמעלה משכל), וואס דורך דעם ווערט א צוותא וחיבור בין ישראל והקב"ה, זאל דאס זיין "כופר נפשו לה'"?!

וואס דאס פארשטייט אפילו אן איש פשוט, עאכו"כ משה רבינו!

ט. ויש לומר הביאור בזה:

זיכער האט משה רבינו פארשטאנען (במכ"ש דערפון וואס יעדערער פארשטייט) אז א מצוה של הקב"ה (בנדו"ד – מחצית השקל) קען אויפטאן למעלה מעלה, ביז אז דאס איז "כופר נפשו".

תמיהת ושאלת משה "מי יותן ליתן כופר נפשו" ("מה יוכל אדם ליתן כופר נפשו"[37], ווי קען דער מענטש געבן "כופר", אויסלייזונג (דורך מחצית השקל) פאר זיין נפש) איז באשטאנען אין דעם גופא צי דאס איז א מצוה בסוג של חוקה, חוקה חקקתי גזירה גזרתי ואין לך רשות להרהר אחרי', ד.ה. אז ס'איז יש מקום להרהור ולשאלות, נאר מ'זאגט "אין לך רשות להרהר אחרי'"; אדער ס'איז בסוג של משפטים, אז מ'קען אויך מסביר זיין אין שכל האדם ווי מחצית השקל איז "כופר נפשו לה'", און טוט אויף "לכפר על נפשותיכם"[38].

און אויב דאס איז ע"פ שכל (משפטים) – פרעגט משה – וואס איז די הסברה בזה:

נוסף לזה וואס כסף וממון (מחצית השקל) איז א דבר גשמי, איז דאס אין גשמיות גופא – תחתון שאין תחתון למטה ממנו. ווי מ'האט עס געזען ביים חטא העגל – וואס אויף דעם איז מחצית השקל געווען א כפרה[39] – אז דאס איז געקומען "בשביל רוב זהב שהי' להם שנאמר[40] וכסף הרביתי להן וזהב עשו לבעל"[41]. ובפשטות – דער ענין פון ממון איז דער ענין הכי תחתון וגרוע. וכדברי חז"ל[42] (הובא בפרש"י) עה"פ[43] "ואת כל היקום אשר ברגליהם" – "זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו", וואס מזה מובן אז ממון איז נאך למטה יותר ווי רגלי האדם, ד.ה. תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

---

37) תוד"ה זאת – חולין שם. 38) פרשתנו ל, טו. 39) ראה פרש"י פרשתנו שם. ובכ"מ. 40) הושע ב, י. 41) פרש"י דברים א, ב. מברכות לב, א. 42) סנהדרין קי, א. 43) עקב יא, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

ווי דאס איז אויך בגשמיות: כסף וזהב איז חלק הדומם שבעולם (למטה מצומח חי ומדבר), און אין דומם גופא - נעמט מען עס ניט פון א הר שגבוה מן הארץ, נאר פון ארץ, אדער ממעמקי הארץ, שלמטה ומתחת לארץ - תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

היינט אויב מחצית השקל איז א מצוה ע"פ שכל - פרעגט משה: וואס איז די הסברה בשכל אז מחצית השקל (ממון), תחתון שאין תחתון למטה ממנו בגשמיות גופא, זאל קענען אויפטאן אן ענין של רוחניות, ובפרט נאך "לכפר על נפשותיכם", וואס נפש איז אן ענין הכי נעלה ברוחניות גופא, ווי אפילו אן איש פשוט פארשטייט אז א נפש פון א אידן, עאכו"כ זיין נפש האלקית, איז אן ענין הכי נעלה - "חלק אלוקה ממעל ממש"[44], און די נפש גופא שטייט אין א מצב פון "נפש כי תחטא" וועלכע דארף האבן כפרה, ד.ה. אז מ'דארף אויפטאן א כפרה ועלי' אין דעם "חלק אלוקה ממעל ממש" - איז ווי קען דאס אויפגעטאן ווערן דורך ממון, א תחתון שאין תחתון למטה ממנו?!

בשלמא בנוגע דערצו אז גשמיות (בכלל) זאל אויפטאן אין רוחניות - איז דאס געווען דער אויפטו פון מתן תורה, ווען ס'איז בטל געווארן די גזירה פון עליונים לא ירדו למטה ותחתונים לא יעלו למעלה[45], במילא קען גשמיות (תחתונים) אויפטאן אין רוחניות (עליונים); אבער דא רעדט זיך דאך וועגן ממון (מחצית השקל), וואס אין גשמיות גופא איז דאס תחתון שאין תחתון למטה ממנו - היינט ווי קען עס אויפטאן אן ענין הכי נעלה פון "לכפר על נפשותיכם"?!

ע"פ המבואר בתניא[46], אז "במעות אלו (אפילו א פרוטה) הי' יכול לקנות חיי נפשו כו'", דערפאר איז דורך נתינת צדקה "נותן חיי נפשו לה'" - איז פארשטאנדיק ווי דאס טוט אויף (מדה כנגד מדה) "לכפר על נפשותיכם";

אבער דאס איז ווי דער ענין שטייט אין תניא, ע"פ פנימיות הענינים. משא"כ ע"פ פשטות הענינים איז ממון אן ענין הכי ירוד (תחתון שאין תחתון למטה ממנו), וואס קען פארפירן א מענטשן אין למטה מטה, ווי מ'זעט בפועל (ווי דאס איז געווען באם חטא העגל, כנ"ל).

וואס דערפאר זיינען דא צוויי פירושים אין "בכל מאדך"[47] -

---

44) תניא רפ"ב. 45) ראה שמו"ר פי"ב, ג. תנחומא וארא טו. ועוד. 46) פל"ז. וראה גם אגה"ק ס"ד (קו, א). 47) ואתחנן שם.



SichosKodesh.com

מסירת נפש[48], און "בכל ממונך"[49], ובפשטות - ווייל א מענטש, א גוי און אפילו א איד (להבדיל) קען זיך מוסר נפש זיין אויף ממון. ווי דאס דריקט זיך אויס ע"פ הלכה[50] - אז בשעת א שריפה בשבת (ר"ל), האט מען מתיר געווען צו מציל זיין כמה ענינים ווייל "אדם בהול על ממונו", "ובדואי יצילם מהפסד ואם לא נתיר לו להציל ע"י טלטול מוקצה יבא לידי איסור שיכבה הדליקה כו'"[51]. זעט מען דערפון ווי תאוות ממון קען דערפירן א מענטשן, ביז צו מס"נ, למטה למטה.

וכנ"ל - אז ממון הייסט "היקום אשר ברגליהם", למטה מרגלי האדם, און דאס (כסף) נעמט זיך מתחת לארץ.

ווערט לפי"ז די שאלה, כנ"ל: ווי קען אזא דבר הכי ירוד בגשמיות ווי ממון, תחתון שאין תחתון למטה ממנו, אויפטאן אזא דבר הכי נעלה ברוחניות ווי "לכפר על נפשותיכם"?!

בשלמא אויב דאס איז א חוקה - האט ער א שאלה ואין לך רשות להרהר אחרי'; אבער אויב מ'זאגט אז דאס איז מצוה ע"פ טעם ודעת (משפטים) - פרעגט משה: וואס איז די הסברה בזה?

י. ובכדי צו פארענטפערן תמיהת ושאלת משה - "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו":

די מצוה פון מחצית השקל און דאס וואס זי טוט אויף "לכפר על נפשותיכם" איז ניט א חוקה (מ'זאל זאגן, וויבאלד אז ס'איז א מצוה של הקב"ה ווערט עס "כופר נפש" אע"פ וואס דאס איז ממון גשמי, תחתון שאין תחתון למטה ממנו) אן קיין הסברה, נאר דאס קומט אראפ בהתלבשות אויך בגדרי העולם המובן בשכל האדם (משפטים) - ווייל דער אויבערשטער האט אויפגעטאן (מיט געבן אידן די מצוה פון מחצית השקל) אז די מחצית השקל (ממון) וואס אידן גיבן (ע"פ ציווי ה') איז (ניט סתם ממון וואס איז א דבר הכי תחתון, נאר דאס איז) באמת א "מטבע של אש", אש אלקי, וואס דערפאר (ווי ס'איז מובן אויך בשכל האדם) האט עס בכח צו אויפטאן "לכפר על נפשותיכם", כדלקמן.

און דער אופן ווי דער אויבערשטער האט עס מסביר געווען למשה איז דורך דעם וואס "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו".

---

48) ראה ברכות נד, א במשנה. ספרי עה"פ. 49) ברכות שם. ספרי שם.
50) שבת קיז, ב. טושו"ע (ושו"ע אדה"ז) סשל"ד ס"א-ב. 51) שו"ע אדה"ז שם.

והביאור בזה:

בכדי צו אויפטאן אז א דבר גשמי, ובזה גופא - א דבר תחתון שאין תחתון למטה ממנו (ממון), וואס איז מצ"ע (מצד גדרי הבריאה ווי דער אויבערשטער האט עס באשאפן) ניט רוחניות און אוודאי ניט קיין אש אלקי - זאל ווערן בגדרי העולם (א מטבע של) אש אלקי, און דורך דעם אויפטאן "לכפר על נפשותיכם", אויף חלק אלוקה ממעל ממש, אן ענין הכי נעלה ברוחניות - דארף מען אנקומען צו א התהוות מיוחדת פון דעם אויבערשטן וואס קען מחבר זיין הפכים זייענדיק העכער פארביידע. דערפאר האט געדארפט זיין אז "נטל הקב"ה (דוקא) כמין מטבע כו' והראה לו למשה כו'".

א מלאך - אויך דער מלאך שבמשה רבינו - קען דאס ניט טאן. א מלאך קען בלויז ממשיך זיין פון איין דרגא ברוחניות צו א צווייטער דרגא ברוחניות שבערך צו דער ערשטער דרגא, אדער אפילו צו א דרגא ברוחניות בעולם למטה מזה, אבער אלץ ברוחניות ובערך, ד.ה. אלץ אין "אש" (רוחניות) גופא, אבער ער קען ניט ממשיך זיין אין גשמיות, און זיכער ניט אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו בגשמיות (ממון), ועאכו"כ אז ער קען ניט ממשיך זיין אז גשמיות זאל קענען אויפטאן אין "נפשותיכם", ווארום א נפש מישראל איז העכער פאר דרגת המלאכים.

דוקא דער אויבערשטער, וואס איז העכער פאר רוחניות און פאר גשמיות, העכער פאר "אש אלקי" און "נפשותיכם" און העכער פאר ממון גשמי, קען זיי מחבר זיין, אזוי אז ממון גשמי זאל זיין באמת מטבע של אש אלקי און קענען אויפטאן "לכפר על נפשותיכם".

און דערפאר דארף מען האבן אז "נטל הקב"ה (דוקא) כמין מטבע של אש והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו" - דער אויבערשטער דארף עפעס טאן בכדי צו מאכן פון ממון גשמי אש אלקי, און דורך דעם - "כופר נפשו".

ע"פ שכל קען מען אליין פארשטיין אז דער אויבערשטער קען מאכן פון ממון גשמי אש אלקי. און א מלאך, אויך דער מלאך שבמשה רבינו, קען עס פארשטיין, ועאכו"כ אז משה רבינו אליין (וואס שכלו איז העכער פאר שכל המלאך) קען עס פארשטיין, ווארום היות אז דער אויבערשטער איז העכער פאר רוחניות וגשמיות קען ער זיי מחבר זיין;

אבער דאס איז אלץ ווי ס'איז אין עולם השכל, ווי שכל פארשטייט, און שכל פארשטייט אז ס'איז מעגלעך אז אזוי זאל זיין - אבער שכל קען ניט זאגן אז אזוי איז עס טאקע בפועל, ועאכו"כ אז שכל טוט עס ניט אויף אז אזוי זאל טאקע זיין בפועל. שכל קען דאס ניט אויפטאן בפועל, אפילו א שכל הכי נעלה, שכל של מלאך,



SichosKodesh.com

שכל של משה רבינו - ווייל שכל האט ניט באשאפן די וועלט און איז ניט קיין בעה"ב אויף וועלט! דער איינציקער וואס קען עס אויפטאן בפועל און זאגן אז ס'איז אזוי בפועל - איז דער מהוה העולם, דער אויבערשטער אליין, ווייל ער האט מהוה געווען די וועלט און אירע גדרים און דעם ממון בגדריו און איצטער קען ער זאגן אז ער איז מהוה דעם ממון אין אן אופן אז דאס איז אש אלקי, און ווען דער אויבערשטער זאגט עס - איז "בדבר ה' שמים נעשו"[52].

יא. און דאס האט דער אויבערשטער אויפגעטאן ווען "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש מתחת כסא הכבוד והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו":

דאס מיינט ניט אז דער אויבערשטער האט עס באוויזן בלויז פאר ידיעת משה רבינו, נאר דער אויבערשטער האט געזאגט "זה יתנו כזה יתנו", אז אט די מטבע של אש, אט דאס - "זה" - זאלן אידן געבן אלס דעם מחצית השקל שלהם.

און דורך דעם האט דער אויבערשטער אויפגעטאן די התהוות בפועל, אז די מטבע של כסף (מחצית השקל) וואס אידן גיבן, איז באמת א מטבע של אש - ווארום דורך זאגן דאס צו משה רבינו, "אמר לו זה יתנו", איז "בדבר ה' שמים נעשו". און נאכמער: דער אויבערשטער האט עס ניט בלויז געזאגט, נאר "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו" - דער אויבערשטער האט געטאן א מעשה בפועל, און ניט סתם א מעשה, נאר ער האט עס אים באוויזן באופן של "זה יתנו", מראה באצבעו ואומר זה[53], באופן אז מ'קען עס אנטאפן בחוש המישוש מיטן אצבע הגשמי, וכנ"ל אז דאס איז ניט געווען בלויז פאר משה רבינו, נאר "זה יתנו", אט דאס (א מטבע של אש) גיבן אידן מיט זייער מחצית השקל!

האט דאס דער אויבערשטער אויפגעטאן א נייע זאך (וואס נאר דער אויבערשטער קען דאס), א דבר נפלא - אז די מטבע של כסף גשמי וואס אידן גיבן פאר מצות מחצית השקל, אט דאס איז א מטבע של אש אלקי, א ג-טלעכער פייער!

דאס הייסט:

דאס איז ניט בלויז אז דער ממון גשמי (מחצית השקל) איז נשתלשל פון רוחניות, אזוי ווי אלע דברים שבעוה"ז הגשמי "נשתלשלו מהן"[54] פון שרשם ומקורם ברוחניות -

ווייל אויב אזוי וואלט דער אויבערשטער משה'ן געגניט

---

52) תהלים לג, ו. 53) ראה פרש"י סוף תענית. 54) תניא רפ"ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

געדארפט ווייזן און זאגן, משה פארשטייט אליין אז דער מחצית השקל, אזוי ווי יעדער זאך, ווערט נשתלשל פון שרשו ומקורו ברוחניות;

נאכמער: אויף דעם האט דער אויבערשטער אים געדארפט באווייזן ניט א מטבע של אש, נאר א מטבע של כסף, ווארום דער אויבערשטער האט געזאגט "זה יתנו", און אידן גיבן בפועל ניט קיין מטבע של אש נאר א מטבע של כסף -

מוז מען זאגן, אז דאס וואס "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש כו'", איז בכדי צו מגלה זיין צו משה רבינו אז אט די מחצית השקל וואס א איד גיט איז ניט ווי שאר הדברים גשמיים וואס ווערן בלויז נשתלשל פון א שרש ומקור ברוחניות, אבער זיי אליין זיינען ניט רוחניים, נאר די מטבע גופא איז א מטבע של אש אלקי, א פייערדיקע מטבע, מיט א ג-טלעכן פייער!

ועפ"ז האט משה די הסברה, און ניט בלויז א הסברה נאר א גילוי באופן פון מראה באצבע ואומר "זה יתנו" - ווי קען א מחצית השקל זיין "כופר נפשו", "לכפר על נפשותיכם",

ווייל דאס איז ניט סתם ממון וואס איז אן ענין תחתון ביותר, ואע"פ אז דאס ווערט נשתלשל פון רוחניות (ווי אלע דברים גשמיים "שנשתלשו מהן"), ווערט עס אבער נשתלשל נאר פון שרש ומקור הנבראים, וואס איז בערך צו דעם דבר ווי ער געפינט זיך למטה, במילא קען דאס ניט אויפטאן "לכפר על נפשותיכם", פון א חלק אלוקה ממעל ממש, וואס איז שלא בערך העכער פאר שרש הנבראים,

נאר אט די מחצית השקל גופא (וואס א איד ברענגט דא למטה) איז א מטבע של אש אלקי, במילא איז פארשטאנדיק אז דאס קען אויפטאן "לכפר על נפשותיכם".

יב. און דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט (ובמילא באוויזן למשה רבינו) אז אין אלקות (רוחניות) גופא איז דער מחצית השקל שלמטה דוקא א "מטבע של אש" אלקי,

דלכאורה: כשם ווי ס'איז דא[55] א מלאך של אש, ד.ה. (מלאך בפירושו) שליח[56] ה' של אש, מדת הגבורה, אזוי איז אויך דא א מלאך של מים, שליח ה' של חסד. ואדרבה - חסד איז העכער פאר גבורה - איז פארוואס האט דער אויבערשטער ניט אויסגעשטעלט אז דער מחצית השקל זאל זיין א "מטבע של מים", וואס ווייזט אויף

---

55) ראה דב"ר פ"ה, יב. וש"נ. אגה"ק סי"ב. 56) ראה לקו"ת ויקרא א, ג. תניא קו"א קנט, א. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

חסד דלמעלה?

איז דער ביאור בזה - בהמשך להאמור לעיל - אז דוקא א "מטבע של אש" גיט נאכמער הסברה בשכל האדם ווי דאס טוט אויף "לכפר על נפשותיכם", ווי עס פארשטייט אויך אן איש פשוט:

דעם חילוק צווישן אש און די אנדערע ג' יסודות, מים רוח (אויר) עפר, פארשטייט אויך אן איש פשוט: שארי היסודות יורדים למטה, אדער אפילו אויב א יסוד איז ניט יורד למטה, בלייבט ער במקומו. משא"כ אש איז בטבעו עולה למעלה, אש ציט זיך שטענדיק למעלה, ביז אז מ'דארף אנקומען צו פארשידענע תחבולות ווי אראפצובריינגען דעם אש און האלטן אים למטה, מיט א פתילה כו'. כמבואר בתניא[57] דער משל אויף "נר ה' נשמת אדם"[58] פון "אור הנר שמתנענע תמיד למעלה בטבעו מפני שאור האש חפץ בטבע ליפרד מהפתילה ולידבק בשרשו למעלה כו'", ועד כדי כך - אז "אף שע"י זה יכבה ולא יאיר כלום למטה וגם למעלה בשרשו יתבטל אורו במציאות בשרשו אעפ"כ בכך הוא חפץ בטבעו".

וואס דערפון פארשטייט מען (אפילו אן איש פשוט) אז צווישן אלע יסודות ודברים גשמיים איז אש דער איידלסטער און דער רוחניות'דיקער (אין גשמיות גופא) - ווארום אין אלע יסודות ודברים גשמיים זעט מען בטבעם ווי זיי זיינען יורד למטה, אדער עכ"פ שטייען במקומם, משא"כ אין אש גשמי זעט מען בגלוי ווי ער ציט זיך שטענדיק למעלה מעלה, ומובן בפשטות אז וואס מער למעלה - אלץ ווייניקער חומריות וכיו"ב.

ווי דאס קומט ארויס אויך בעבודת האדם, אפילו פון אן איש פשוט: ער פארשטייט אז דער תכלית פון א מענטשן איז - אז ער דארף שטענדיק שטרעבן צו גיין אלץ העכער און העכער, ניט שטיין אויף אן ארט, ועאכו"כ ניט יורד זיין ח"ו. און וואס מער ער איז עולה - אלץ ווייניקער איז ער פארבונדן מיט חומריות.

ועפ"ז איז מובן פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז מחצית השקל איז דוקא א "מטבע של אש" - ווייל דאס באווייזט נאכמער ווי דער כח אלקי אין דער מחצית השקל פון א אידן איז (אין רוחניות גופא) אן אש אלקי, וואס ציט זיך שטענדיק העכער און העכער, ביז צו דער דרגא פון "נפשותיכם", חלק אלוקה ממעל ממש, בכדי דארטן צו קענען אויפטאן דעם "לכפר על נפשותיכם".

וע"פ כל הנ"ל איז פארשטאנדיק ווי דער אויבערשטער האט

---

57) פי"ט. 58) משלי כ, כז.

געגעבן משה רבינו צו פארשטיין און נאכמער - צו זען, ווי דער מחצית השקל פון א אידן ווערט "כופר נפשו", דורך דעם וואס "נטל הקב"ה כמין מטבע של אש כו' והראה לו למשה ואמר לו זה יתנו כזה יתנו", ער האט אים באוויזן ווי דער מחצית השקל פון יעדער אידן איז באמת א "מטבע של אש", א פייערדיקע מטבע וואס ברענט מיט א ג-טלעכן פייער.

יג. דערפון האט מען א לימוד נפלא:

יעדער מצוה איז כלול משאר כל המצוות. כידוע די ראי' לזה אין חסידות[59] פון "העוסק במצוה פטור מן המצוה"[60]. ועפ"ז איז מובן אז אלע מצוות האבן אין זיך דעם ענין פון מחצית השקל. במילא איז מובן אז אלע מצוות האבן אין זיך אויך (מעין) דעם ענין נפלא הנ"ל אין מחצית השקל, אז די מטבע גשמית פון מצות מחצית השקל איז (ניט בלויז נשתלשלה פון רוחניות, נאר דאס גופא איז) א מטבע של אש אלקי.

ובפרט אז מצות מחצית השקל איז א מצוה כללית וואס איז נוגע לכל הזמנים: נוסף לזה וואס מיטן מחצית השקל האט מען געמאכט די אדנים אין משכן, אויף וועלכן עס שטייט "ושכנתי בתוכם"[61], וואס דאס איז אן ענין כללי לכל הדורות, אין דעם משכן פרטי דכאו"א - "ושכנתי בתוכם - בתוך כאו"א"[62] -

און כאטש אז די מצוה בפועל האט מען מקיים געווען נאר בזמן המשכן ובזמן הבית[63], איז אויך בזמן הגלות דער מנהג ישראל, וואס איז געווארן א דין בשו"ע[64], אז בכל שנה ושנה בערב פורים גיבן אידן ג' מטבעות מחצית השקל לזכר די ג' תרומות במשכן ומקדש, כולל תרומת האדנים אויף וועלכע מ'האט גענוצט דעם מחצית השקל.

איז דערפון פארשטאנדיק אז אלע פרטים אין מחצית השקל זיינען נוגע אין דער עבודה פון אידן בכל המצוות (ווארום כל המצוות זיינען כלול פון מצות מחצית השקל, כנ"ל), בכל הזמנים. עאכו"כ אין די מצוה פון צדקה בכלל בכל השנה כולה (ניט דוקא בערב פורים) און אין אלע סכומים (ניט דוקא מחצית השקל), וואס איז בדוגמא ווי כללות הענין פון מצות מחצית השקל.

האט מען דעם לימוד פון דעם ענין הנ"ל אין מחצית השקל:

ווען א איד טרעפט אן עני אין גאס און גיט אים א "פעני"

---

59) המשך תרס"ו ע' סח ואילך. 60) סוכה כה, א. 61) תרומה כה, ט. 62) של"ה סט, א. רא, א. שכה, א. שכו, ב. ובכ"מ. 63) ראה רמב"ם הל' שקלים פ"א ה"ח. וש"נ. 64) או"ח סתרצ"ד ס"א בהגהה.



SichosKodesh.com

ממונו הגשמי - דארף ער וויסן אז די "פעני" איז ניט בלויז א "פעני" גשמית, און ניט בלויז נשתלשל געווארן פון רוחניות, נאר די גשמיות'דיקע "פעני" גופא (ווי זי געפינט זיך למטה בעוה"ז הגשמי) איז א "מטבע של אש" אלקי, א פייערדיקע מטבע וואס ברענט מיט א ג-טלעכן פייער!

ועד"ז ווען ער טרעפט א אידן וואס דארף האבן צדקה רוחנית - מ'דארף אים מקרב זיין צו אידישקייט, און ער רעדט מיט אים מיט זיינע ה' מוצאות הפה הגשמיים [באופן פון דברים היוצאים מן הלב, און "כל עצמותי תאמרנה"[65], אבער דער דיבור איז פשוט בגשמיות מיט זיינע ה' מוצאות הפה] - דארף ער וויסן אז ער רעדט פייערדיקע ג-טלעכע רייד וועלכע ברענען מיט א ג-טלעכן פייער!

עד"ז ווען ער איז מקיים איזה מצוה שתהי' - וואס יעדער מצוה איז מען מקיים מיט דברים גשמיים, תפילין בקלף גשמי, ציצית בצמר גשמי, מיט די אנדערע דוגמאות וואס מ'גיט אויף דעם, וכיו"ב בנוגע לכל המצוות - דארף א איד וויסן, אז וועלכע מצוה ער איז מקיים, מיט וועלכן אבר אדער גיד פון זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים (וואס זיינען כנגד די רמ"ח מ"ע ושס"ה מל"ת), און מיט א מעשה גשמית ודברים גשמיים - איז דאס ניט סתם א מעשה גשמי, קלף גשמי וכיו"ב, און ניט בלויז נשתלשל געווארן פון רוחניות, נאר דאס גופא איז א ג-טלעכער פייער, אש אלקי!

איז דאך פארשטאנדיק אז דאס דארף זיין ניכר בגלוי אין זיין קיום המצוות - אז ער דארף עס מקיים זיין מיט א שטורעמדיקן פייער און ברען, און אין אן אופן אז ס'איז שטענדיק ניכר ווי ער שטרעבט צו עולה זיין העכער און העכער (אזוי ווי אש כפשוטו איז טבעו לעלות למעלה)!

יד. ויש להוסיף בזה נאכמער:

די "מטבע של אש" וואס דער אויבערשטער האט באוויזן איז דאך געווען א מחצית השקל, כמובן מזה וואס ער האט געזאגט "זה יתנו" אויף דער "מטבע של אש", און "זה יתנו" איז א מחצית השקל.

וואס אין דעם זיינען מודגש צוויי זאכן:

א) אע"פ וואס דער מחצית השקל איז א "מטבע של אש" (כנ"ל בארוכה), איז דאס אבער בלויז א "מחצית", כמדובר כמ"פ דער ענין בזה. דאס אליין ווייזט אז ס'איז דא נאך א "מחצית" און יעדער "מחצית" דארף אנקומען צו דער צווייטער "מחצית" בכדי צו

---

65) תהלים לה, י.

זיין א דבר (שקל) שלם. וואס דערפאר שטייט ניט אין תורה אז מ'דארף געבן עשר גרה, נאר "מחצית השקל", בכדי צו מדגיש זיין אז דאס איז בלויז א מחצית וועלכער דארף אנקומען צו נאך א "מחצית" בכדי צו זיין א דבר שלם.

ב) אבער ביחד עם זה איז מובן מהנ"ל, אז כשם ווי דער ערשטער "מחצית השקל" וואס א איד גיט אפ פאר תרומת האדנים איז א "מטבע של אש" (ווי דער אויבערשטער האט מגלה געווען צו משה רבינו), אזוי איז אויך די צווייטע האלבע של אש, וויילביידע האלבע קומען דאך פון דעם זעלבן שקל, און יעדערע דארף אנקומען צו דער צווייטער בכדי צו זיין א דבר שלם, קען דאך ניט זיין אז איין האלבע איז של אש און די צווייטע האלבע איז של כסף.

ובפשטות מיינט עס:

אע"פ וואס א איד דארף אפגעבן א "מחצית השקל" פאר תרומת האדנים אין משכן, און דאס האט אין זיך דעם ענין נפלא אז ס'איז א "מטבע של אש", איז אבער אין דעם גופא מודגש אז ס'איז דא נאך א "מחצית השקל" וואס בלייבט ביי אים ברשותו (און ווערט ניט קיין חלק פון משכן). אעפ"כ טוט אויף דער מחצית השקל וואס ער גיט אפ אין משכן אן עלי' אויך אין דער מחצית וואס בלייבט ביי אים - אז דאס ווערט אויך אן אש אלקי!

טו. דערפון קומט צו א לימוד נפלא נוסף:

נוסף צום ערשטן לימוד נפלא (פון דעם עצם ענין אז מחצית השקל איז א "מטבע של אש") - אז יעדער מצוה גשמית וואס א איד איז מקיים, תפילין בקלף גשמי כו', צדקה בממון גשמי, אדער צדקה רוחנית דורך רעדן מיט א צווייטן בה' מוצאות הפה הגשמיים וכיו"ב, און טוט עס מיט א ברען און פייער - איז ניט סתם א מעשה גשמי, נאר אן אש אלקי, א פייערדיקע הייליקע זאך, די גשמיות'דיקע געלט ווערן פייערדיקע מטבעות, די רייד ווערן פייערדיקע רייד, וואס ברענען מיט א ג-טלעכן פייער,

האט מען דעם לימוד פון דעם ענין נוסף, אז דער "מחצית השקל" וואס ער גיט אפ פועל'ט אן עלי' אויך אין דעם חלק וואס בלייבט ברשותו. ווי דאס איז בנוגע לצדקה:

צדקה גיט מען דאך נאר פון א חלק מהנכסים, ווי דער רמב"ם פסק'נט66 אז לעולם לא יקדיש אדם כו' כל נכסיו והעושה כן עובר על דעת הכתוב שהרי הוא אומר*66 "מכל אשר לו,", ולא כל אשר לו

---

66) סוף הל' ערכין וחרמין. *66) בחוקותי כז, כח.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ד.ה. מ'זאל בלויז געבן מעשר אדער חומש וכיו"ב, בלשון הכתוב[67] "והיתה החמישית לפרעה ארבע הידות יהיו לכם".

האט מען דעם לימוד פון "מחצית השקל" (וואס דערפון לערנט מען אפ בנוגע לכל המצוות ובכל הזמנים, כנ"ל), אז ניט נאר וואס דער חלק הממון וואס ער גיט אפ אויף צדקה ("החמישית לפרעה") זיינען אן אש אלקי, פייערדיקע הייליקע ג-טלעכע געלט, נאר דאס טוט אויך אויף אז די "ארבע הידות" וואס בלייבן ביי אים צו טאן דערמיט כפי שעלה ברצונו - ווערן אויך פייערדיקע הייליקע ג-טלעכע געלט!

טז. והמעשה הוא העיקר[68]:

אע"פ וואס מ'רעדט וועגן די ענינים ווי זיי זיינען בתורה, און עס זיינען דא אנדערע וואס האבן שאלות, און אנדערע וואס געדענקען וואס מ'רעדט בכדי מ'זאל עס דערנאך קענען פארצייכענען - דארף מען וויסן אז די כוונה בזה איז ניט אזוי דער דיבור און פארשטיין דאס בהבנה והשגה, נאר די מעשה בפועל, המעשה הוא העיקר!

מ'זאל וויסן אז בשעת מ'גיט א אידן צדקה גשמית אדער מ'איז מקיים אן אנדער מצוה מיט א דבר גשמי - איז דאס אן אש אלקי, א ג-טלעכער פייער, און מ'דארף אין דעם טאן בהתאם לזה - מיט א פייערדיקן שטורעם און ברען!

יז. ויה"ר אז פון דעם דיבור אין דעם ענין פון מחצית השקל ווי דאס שטייט אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל-פה און הלכה, וואס דאס איז אויך אן ענין של עשי'[69] אבער בתורה עצמה, זאל דאס אראפקומען בפועל ממש בעשי' גשמית, און ניט נאר ווי מ'איז דאס מקיים ע"פ מנהג ישראל בערב פורים, נאר ווי מ'איז דאס מקיים בשלימות - "כמצות רצונך"[70] - ווי מ'האט עס מקיים געווען בזמן המשכן וזמן הבית.

ד.ה. בפשטות - אז עס זאל שוין קומען די גאולה, וואס דעמולט וועט מען מקיים זיין מצות מחצית השקל (ווי אלע מצוות) "כמצות רצונך", בבית המקדש השלישי, ווארום אויך אין בית המקדש השלישי וועט מען דאך ברענגען קרבנות ציבור, און דאס קען מען האבן נאר דורך דעם וואס אידן גיבן פריער מחצית השקל, און מ'ברענגט עס דערנאך און מ'נוצט עס בביהמ"ק השלישי, בירושלים

---

67) ויגש מז, כד. 68) אבות פ"א מי"ז. 69) ראה סנהדרין סה, א. וש"נ. 70) תפלת מוסף לשבת ויו"ט. וראה תו"ח ר"פ ויחי. המשך וככה תרל"ז פי"ז ואילך. ועוד.

הנחות הת' בלתי מוגה

עיר הקודש, "קרית מלך רב" 71, בארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"72,

וואס די הכנה לזה ווערט דורך דער עבודה (רוחנית) איצטער פון דעם וואס יעדער איד מאכט במקומו "ארץ ישראל" (כידוע דער פתגם "מאך דא ארץ ישראל"73), און ירושלים הרוחנית - שלימות היראה, און משכן ומקדש הרוחני - "ושכנתי בתוכם - בתוך כל אחד ואחת מישראל",

און דורך דעם איילט מען צו דעם גילוי כפשוטו פון ביהמ"ק השלישי, בירושלים עיר הקודש, בארצנו הקדושה - למטה מעשרה טפחים, בפועל ובגשמיות ממש, במהרה בימינו ממש, אזוי אז מ'קען עס ממש אנטאפן מיטן האנט וחוש המישוש, ממש ממש.

* * *

יח. כנזכר לעיל, לייענט מען בשבת זו אויך (נוסף צו פרשת שקלים) פרשת משפטים. ואדרבה: בכמות - וואס כמות אין קדושה איז אויך איכות - איז פרשה משפטים לענגער פאר פרשת שקלים.

דארף מען אויך דערפון ארויסנעמען א הוראה בעבודת ה', וכאמור לעיל - א הוראה המובנת לכל, סיי לגדולים און סיי לאנשים פשוטים (ווארום קריאת התורה, כולל פ' משפטים איז שייך לכולם).

דער נאמען פון כל הפרשה איז - "משפטים", ד.ה. אז יעדער ענין ופרט אין דער פרשה גייט אונטערן נאמען (אז דאס איז אן ענין, א חלק ופרט) פון פרשת משפטים.

דאס הייסט, אע"פ וואס אין דער פרשה זיינען דא א ריבוי ענינים, כולל מצוות פון דעם סוג פון עדות און חוקים (ווי די מצוה פון "לא תבשל גדי", כנ"ל), איז אבער די נקודה וואס שטייט בהדגשה בפרשה זו - ווי אלע ענינים און אלע מצוות זיינען אין אן אופן פון "משפטים".

כמדובר לעיל, ווערן אלע מצוות (אויך חוקים ועדות) אנגערופן אויך בשם "משפטים", ווייל זיי האבן אין זיך אויך דעם ענין פון "משפטים", און מ'דארף זיי אויך מקיים זיין באופן של "משפטים". ובשעת מ'שטייט בשבת פ' משפטים, ווען אלע מצוות אין דער פרשה (אויך חוקים ועדות) זיינען פרטים פון פרשת משפטים, איז פארשטאנדיק אז בזמן זה איז דער לימוד והדגשה ווי מ'דארף

---

71) תהלים מח, ג. 72) עקב יא, יב. 73) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com